**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/15/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול אויף נאך** 32,785 **מאָנקי-פּאָקס וואקסין דאזעס צו ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי**

״פריער היינט האב איך גערעדט מיט דר. אשיש דזשהא פון דעם ווייסן הויז אלס טייל פון אונזער אנגייענדע מוטיגונג זיכער צו מאכן אז ניו יארק באקומט איר יושר׳דיגע חלק פון מאָנקי-פּאָקס וואקסין פארזארגונג, איבערהויפט פאר אזעלכע ניו יארקער אין קאמיוניטיס מיט הויכע טראנסמיסיע ראטעס.

״ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי האבן שוין באקומען איבער 28,000 דאזעס ביז היינט און עס פריידט מיך זייער צו קענען מיטטיילן אז מיר וועלן איצט באקומען נאך 32,785 וואקסין דאזעס קומענדע וואך אויף פארצוזעצן ווייטער אונזערע באמיאונגען זיך אפצורופן און נאכצוקומען די געברויכן פון אונזער מערסט-ריזיקירטע טיילן פון דער באפעלקערונג.

״כאטש די נאציאנאלע זאפאסן זענען נאך באגרעניצט, וועט ניו יארק סטעיט ווייטער אנהאלטן איר אומערמידליכע שתדלנות אויף צו שאפן נאך באשטימונגען וועלכע קומען נאך די געברויכן פון ניו יארק, צוליב די אומפראפארציאנעלע צאל מאָנקי-פּאָקס פעלער, איבערהויפט אינערהאלב אונזער LGBTQ+ קאמיוניטיס, וועלכע זענען עקסטער שווער באטראפן געווארן. מיר וועלן ווייטער ארבעטן נאענט אינאיינעם מיט דערביידען אדמיניסטראציע צו פארזיכערן אז ניו יארק באקומט איר יושר׳דיגער טייל פון מאָנקי-פּאָקס וואקסינען. אלס טייל פון אונזערע אלגעמיינע מאָנקי-פּאָקס אפרוף, זענען איך און מיין טיעם אנטשלאסן צו ארבעטן גאנצטעג מעת לעת צו שאפן ווי מער וואקסינען מעגליך פאר ניו יארקער, פארזיכערן יושר׳דיגע רעסאָרס באשטימונג אינערהאלב אונזער LGBTQ+ קאמיוניטיס און אויסטיילן די לעצטע געצייג און אינפארמאציע.

״איך בין דאנקבאר צו פרעזידענט ביידען, דר. דזשהא און אנדערע אדמיניסטראציע באאמטע פאר זייער הילף אין שאפן נאך וואקסין דאזעס, און איך קוק ארויס אנצוגיין ווייטער מיט די געמיינזאמע ארבעט אויף באשיצן אונזערע מערסט עמפינדליכע קאמיוניטיס און האלטן ניו יארקער אפגעהיטן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418